אויבֿ מיר זענען געשטאָרבֿן מיט משיחן, גלויבן מיר,
9 אַז מיר וועלן אויך לעבֿן מיט אים; ווייסנדיק, אַז
משיח, זייענדיק אויפֿגעשטאַנען פֿון די טויטע,
שטאַרבֿט מער נישט; דער טויט האָט נישט מער
10 קיין שליטה איבֿער אים. וואָרום שטאַרבֿנדיק, איז
ער געשטאָרבֿן צו דער זינד איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל,
11 אָבֿער לעבֿנדיק, לעבֿט ער צו ג־ט. אַזוי זאָלט איר
זיך אויך באַטראַכטן ווי טויט צו דער זינד, אָבֿער
לעבֿעדיק צו ג־ט אינם משיח ישוע אונזער האַר.
12 זאָל זשע די זינד נישט קעניגן אין אייער
שטערבֿלעכן קערפּער צו געהאָרכן זיינע תאוות;
13 אויך זאָלט איר נישט איבֿערגעבֿן אייערע אבֿרים
ווי כּלי־זין פֿון רשעות צו זינד, נאָר גיט אייך
איבֿער צו ג־ט, ווי לעבֿעדיק פֿון די טויטע און
אייערע אבֿרים ווי כּלי־זין פֿון צדקות צו ג־ט.
14 ווייל די זינד וועט נישט קעניגן איבֿער אייך,
וואָרום איר זענט נישט אונטער דער תורה, נאָר
אונטער דעם חסד.
15 דעריבֿער וואָס? זאָלן מיר זינדיקן, ווייל מיר
זענען נישט אונטער דער תורה נאָר אונטער
16 דעם חסד? חס ושלום! צי ווייסט איר דען נישט, אַז
וועמען איר גיט זיך איבֿער ווי קנעכט צו גע־
האָרכן, זענט איר קנעכט (פֿון דעם), וועמען איר
געהאָרכט: אָדער פֿון זינד צום טויט, אָדער פֿון
17 געהאָרכזאַמקייט צו צדקות? אָבֿער געלויבט זיי
ג־ט, אַז איר וואָס זענט געווען קנעכט פֿון דער
זינד, זענט געוואָרן געהאָרכזאַם פֿונם האַרצן
צו דעם פֿאַרבילד פֿון דער לערנונג, וואָס איז אייך
18 איבֿערגעגעבֿן געוואָרן; און זייענדיק באַפֿרייט פֿון
דער זינד, זענט איר משועבּד געוואָרן צו צדקות.
19 איך רעד מענטשלעך צוליבֿ דער שוואַכקייט פֿון